# פּאַפּיר איז דאָך ווײַס

פּאַפּיר איז דאָך ווײַס, און טינט איז דאָך שוואַרץ
צו דיר מײַן, זיס־לעבן, ציט דאָך מײַן האַרץ.
כ´וואָלט שטענדיק געזעסן דרײַ טעג נאָכאַנאַנד,
צו קושן דײַן שיין פּנים און צו האַלטען דײַן האַנט.

אָי דאַמאָלס וואָלט איך געוואוסט פֿון אַ וועלט,
כ´וואָלט שטענדיג געאַרבעט, געאַקערט אין פֿעלד;
מיט פֿיעל פֿאַרגעניגען וואָלט איך מיט דיר פֿאַרנראַכט,
כ´וואָלט געזעסען מיט דיר ביי טאָג און בײַ נאַכט.

נעכטן בײַ נאַכט בין איך אויף אַ חתונה געוועןן:
פֿיל שיינע מיידעלעך האָב איך דאָרט געזען,
פֿיל שיינע מיידעלעך, צו דיר קומט נישט גאָר,
צו דײַנע שוואַרצע אייגעלעך און צו דײַנע שוואַרצע האָר.

דײַן טאַליע, דײַן מינע דײַן, איידעלער פֿאַסאָן:
אין האַרצן ברענט אַ פֿײַער - מען זעהט עס ניט אָן!
נישטאָ אַזאַ מענטש, וואָס זאָל פֿילן ווי עס ברענט;
דער טויט און דאָס לעבן איז בײַ גאָט אין די הענד.

אַך דו ליעבער גאָט, וואַרף מיך נישט אַראָפּ,
גלייך מיר ניט צו קיין בוימעלע און נישט צו קיין סלופּ!
דאָס בוימעלע אַז עס בליהט איז דאָך זעהט שעהן,
ווי העלפֿט מיר שוין גאָט מיט איהר צו דער חופּה צו געהן!
ווי העלפֿט מיר שוין גאָט מיט איהר צו דער חופּה צו געהן!

אַך דו ליעבער גאָט, הער אויס מיין פֿערלאַנג:
דעם עושר גיסטו כבוד מיט אַ שעהנעם גאַנג;
מיר גיב אַ שטיבעלע אויף דעם גראָז דעם גרינעם,
אַז איך מיט מיין זיס־לעבען זאָלען וואויגען דרינען.

(פּוילען)